# מיט א טיפערן בליק

## פרשת לך לך תשפ"ה

## נסיונות, דאגות און זארגן

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

שטייענדיג אין פרשת לך לך הייבן מיר אָן מיט די "מעשי אבות סימן לבנים", פון דא און ווייטער לערנען מיר די השתלשלות און די פאסירונגען פון אונזערע אבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב, אויף וועלכע יעדער איד איז מחוייב צו שטרעבן און האפן און וועלן גיין אין זייערע הייליגע וועגן, ווי עס שטייט אין **תנא דבי אליהו** (רבה, פכ"ה) "שכל אחד ואחד מישראל חייב לומר מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי אברהם יצחק ויעקב". און דעריבער איז אודאי אונזער פליכט זיך צו פארטיפן און פראבירן אפצולערנען כאטש א ברעקל פון די מעשי אבות.

אונזער פרשה הייבט זיך אָן מיט די ציווי פון השי"ת צו אברהם אבינו "לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ" אז ער זאל נעמען זיין וואַנדער שטעקן אין די הענט ארויין און פארלאזן זיין לאנד און זיין היימשטאט און זיין פאטער'ס הויז, און ער זאל וואנדערן זיינע טריט "אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ" צום לאנד וואו איך וועל דיר ווייזן.

חז"ל זאגן אין **מדרש**, און רש"י ברענגט א ענדליכע לשון, "ולמה לא גילה לו?, כדי לחבבה בעיניו וליתן לו שכר על כל פסיעה ופסיעה". פארוואס האט השי"ת נישט תיכף ומיד דערציילט פאר אברהם אבינו וואו אהין ער דארף גיין, נאר אנשטאט דעם געזאגט "אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ - צו די לאנד וואס איך וועל דיר ווייזן", דאס איז אלעס געווען כדי עס זאל ווערן מער באליבט ביי איהם און אז ער זאל באקומען שכר אויף יעדן איינציגסטן טריט וואס ער גייט בשעת ער ווייסט נישט וואו אהין.

און ווי רש"י ברענגט, געפונען מיר די זעלבע ענין אין פרשת וירא ביי די נסיון העקידה, ווען השי"ת האט באפוילן פאר אברהם "קַח נָא אֶת בִּנְךָ, אֶת יְחִידְךָ, אֲשֶׁר אָהַבְתָּ, אֶת יִצְחָק", האט ער איהם אויך נישט באלד אויסגעזאגט פון וועלכע זוהן מ'רעדט. אזוי אויך ווען ס'קומט צו די פלאץ וואו אהין אברהם אבינו דארף גיין מקריב זיין יצחק פאר א קרבן עולה, שטייט אויך נאר "עַל אַחַד הֶהָרִים אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיךָ" אויף איינע פון די בערג וואס איך וועל דיר שוין זאגן. דאס איז אויך געווען כדי צו פארמערן די שכר פון אברהם אבינו.

### עטליכע דיוקים און קושיות אינעם ענין

אז מען וועט זיך אביסל אפשטעלן און מתבונן זיין אין דעם ענין, וועט מען באמערקן אז עס זענען פארהאן עטליכע דיוקים און שוועריגקייטן וואס מען קען דא פרעגן: - צום ערשט, וואס איז טאקע פשט אז די ערשטע נסיון וואס די תורה הקדושה דערמאנט ביי אברהם אבינו באשטייט פון "לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ", עס זענען פארהאן אזויפיל אנדערע זאכן מיט וואס השי"ת האט אויסגעפראוווט אברהם אבינו, פיל גרעסערע און שווערערע נסיונות, ווי למשל די נסיון העקידה אדער די כבשן האש אין וועלכע מ'האט איהם אריינגעווארפן. וואס איז די גרויסקייט און ספעציעלקייט פון די נסיון פון לך לך אז דאס ווערט דערמאנט אלס די ערשטע און הויפט נסיון.

צווייטענס, וואס איז די גרויסע עֵסֶק וואס מ'מאכט דא פונעם אופן וויאזוי השי"ת האט גערעדט צו איהם "כדי לחבבה בעיניו וליתן לו שכר על כל פסיעה ופסיעה" (אדער על כל 'דיבור ודיבור' ווי רש"י ברענגט)? מ'רעדט דאָך דא פון א ריזיגע נסיון וואס האט אין זיך אזויפיל שוועריגקייטן און צער און פאַדערט א זעלטענע מסירות נפש און געטריישאפט צו קענען ביישטיין; וואס מאכט דען אויס דאס ביסל שכר וואס מ'באקומט צו אין די זייט צוליב די וועג וויאזוי השי"ת האט עס געזאגט? לכאורה ווען מ'קוקט אויף די גרעסערע בילד פארנעמט דאס כמעט נישט קיין אָרט, עס זעהט אויס ממש ווי א קלייניגקייט כלפי די גרויסקייט און שוועריגקייט פונעם עצם נסיון ארום און ארום.

דריטענס, דער **רמב"ן** שרייבט אין זיין ספר **אמונה ובטחון** (פרק ו') אז די שבח פון אברהם אבינו איז נישט דאס אז ער האט מקיים געווען כל התורה כולה (זעה יומא כ"ח:), ווייל אסאך מענטשן האבן געטוהן מצוות און מעשים טובים אבער זיי זענען נישט געשטיגן און נישט געווארן דערהויבן צו אזעלכע מדריגות ווי אברהם אבינו. נאר די עיקר גדלות פון אברהם איז געקומען דווקא דורכ'ן ביישטיין די עשרה נסיונות, דאס איז די גרויסקייט און ספעציעלקייט פון אברהם אבינו! און באמת, אזוי וואלטן מיר מגדיר געווען די גרויסקייט פון אברהם אבינו, ווען מ'זאל פרעגן סיי וועלכער חדר יונגל "וואס איז די גדלות פון אברהם אבינו?" וואלט ער געוויס דערמאנט די עשרה נסיונות.

אבער ווי וואונדערליך איז וואס חכמינו ז"ל לערנען אונז אין **פרקי אבות** (פרק ה' משנה י"ט) כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ שְׁלֹשָׁה דְּבָרִים הַלָּלוּ מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ, וּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים אֲחֵרִים מִתַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע: עַיִן טוֹבָה וְרוּחַ נְמוּכָה וְנֶפֶשׁ שְׁפָלָה, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ. עַיִן רָעָה וְרוּחַ גְּבוֹהָה וְנֶפֶשׁ רְחָבָה, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע.

דאס הייסט אז חז"ל לערנען אפ די דריי נקודות פון אברהם אבינו וואס זיינע תלמידים זענען מקיים, אז דאס זענען "עַיִן טוֹבָה, וְרוּחַ נְמוּכָה, וְנֶפֶשׁ שְׁפָלָה" קוקן אויף יעדע זאך מיט א גוט אויג, און לעבן מיט ענווה ושפלות. דאס זענען די הויפט שטריכן פון תלמידיו של אברהם אבינו.

פרעגט זיך די קושיא, דאס זענען די נקודות פון אברהם אבינו? פארוואס רעכנט מען נישט אויס די עשרה נסיונות וואס אברהם אבינו איז בייגעשטאנען? זיין געוואלדיגע אמונה אין יעדן מצב? זיין מידת החסד און הכנסת אורחים? דאס זענען דאָך די הויפט נקודות וואס מיר וואלטן אויסגערעכנט אלס די שפיץ מעשים פון אברהם אבינו! פארוואס עפעס רעכנט דער תנא אויס אזעלכע זאכן וואס אין אונזערע אויגן זענען זיי בכלל נישט פון די הויפט ענינים וואס מ'געפונט ביי אברהם. נאך מער, פארוואס שטעלט מען אוועק אברהם אבינו קעגן בלעם הרשע? וואס פאר א שייכות און קשר איז דא צווישן זיי? צו דען האט איינער געהאט א הוה-אמינא זיי צו פארגלייכן? צו דען האט בלעם געטוהן אפילו א משהו פון די עבודה און גרויסקייט פון אברהם אבינו, מיט וואס איז ער א מחותן דא בכלל?.

### די געוואלדיגע אמונה געשיכטע פון א איד

כדי צוצוקומען צו אונזער נקודה טובה וואס מיר לערנען דא ארויס, איז כדאי מקדים צו זיין א מורא'דיגע עפיזאד, א קליינע הארץ-רירנדע געשיכטע מיט א געוואלדיג גרויסע מוסר השכל, וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן לעצטנס פונעם בעל המעשה זעלבסט:

ר' משה איז א איד, א בעל הבית, א וואוילער און ערליכער איד, וואס גייט ליידער אדורך גאר א שווערע נסיון ווען איינס פון זיינע קינדערלעך איז נישט געזונט ה"י און ער פארברענגט שעות ארוכות צווישן די שפיטאל ווענט און דאקטוירים'ס אפיסעס. ר' משה'ס אמונה איז אבער פעלזן פעסט, עס איז ממש צום באוואונדערן ווי ער לעבט מיט העכערקייט, מיט'ן באשעפער און מיט זיין חובות הלבבות אויף יעדן טריט, און ווערט נישט געפאלן ביי זיך פון די שווערע אדורכגאנג.

ווען ס'איז אונז אויסגעקומען צו שמועסן מיט ר' משה און איהם פרעגן איבער זיין אמונה און בטחון פון וואו ער נעמט אזא כוח זיך מחזק צו זיין און האלטן פעסט, האט ר' משה געענטפערט א תשובה וואס וועט אייך לאזן איבערראשט:

"דאס איז ליידער נישט מיין ערשטע נסיון אין דעם הינזיכט" דערציילט אונז ר' משה. מיט יארן צוריק האב איך געהאט א קינד וואס איז געווען נישט געזונט, און כ'בין געגאנגען אין שפיטאל פאר די נויטיגע אונטערזוכונגען און באהאנדלונגען. דארט אין שפיטאל איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן א יונגערמאן וואס איז אויך אהינגעקומען מיט זיין קראנקע קינד ל"ע. מיר האבן געשמועסט צווישן זיך, און דער יונגערמאן דערציילט מיר אז זיין קינד איז ליידער דיאגנאזירט געווארן מיט א שווערע פאַל, און דער דאקטער וואס באהאנדלט איהם טענה'ט אז ס'איז דא גאר שוואכע שאנסן אז דאס קינד זאל עס איבערלעבן רח"ל... לויט ווי סטאַטיסטיקס אין די מעדיצינישע וועלט ווייזן, איז פארהאן ווייניגער ווי פינעף פראצענט שאנס צו קענען ארויסקריכן פון די מחלה. דער דאקטער האט נישט אויפגעגעבן און ער האט געטוהן די נויטיגע באהאנדלונגען, אבער ער האט נישט געגעבן קיין גרויסע האפענונגען פון פאָראויס.

ווען איך בין געזעצן מיט'ן דאקטער פון מיין קינד איבערצוגיין די רעזולטאטן פון זיינע טעסט'ס, איז דער דאקטער געווען אינגאנצן אפטעמיסטיש זאגענדיג אז ב"ה דאס קינד האט די קרענק אויף גאר א לייכטן אופן, אויף א פלאץ וואו עס קען גרינגערהייט געהיילט ווערן, און עס זענען פארהאן פינעף און ניינציג פראצענט אויסזיכטן אויף א רפואה שלימה.

איך בין געווען אזוי גוט אויפגעלייגט פון די גוטע נייעס, ווען מיין הארץ ווערט ממש איינגעצויגן פון גרויס רחמנות אויף יענעם יונגערמאן וואס ביי זיין קינד איז ממש דאס פארקערטע, ער האט ווייניגער ווי פינעף פראצענט שאנס, און איך האב פינעף און ניינציג פראצענט שאנסן!

נאך עטליכע וואכן האט מען אפערירט מיין קינד, און דער דאקטער האט געזאגט אז אלעס פירט זיך ב"ה ווי געפלאנט און ס'זעהט אויס ווי זאכן גייען אין די גוטע דירעקציע. אבער נאך געציילטע שעה איז אנטשטאנען א פלוצלינגע פארערגערונג אין דאס קינד'ס מצב, זאכן האבן אנגעהויבן צו ווערן קאמפליצירט, און ליידער ליידער, מיין קינד האט דאס נישט אדורכגעמאכט... ער האט אויסגעהויכט זיין נשמה אויפן שפיטאל בעט.

פארשטייט זיך אז איך בין אדורכגעגאנגען א לאנגע שווערע תקופה פון צער און פיין ביז כ'האב זיך געקענט צוריק שטעלן אויף די פיס און פראבירן אנצוגיין מיט'ן לעבן.

עס גייט אדורך א שטיק צייט, דערציילט ר' משה ווייטער, און איך טרעף יענעם יונגערמאן פון שפיטאל, מיר שטעלן זיך אפ און באגריסן איינער דעם אנדערן, און ער דערציילט מיר מיט גרויס עקסטאז אז זיין קינד ווערט ב"ה בעסער פון טאג צו טאג! קעגן אלע ערווארטונגען און טראץ די שרעקעדיגע פאָראויס-שאצונגען פון די דאקטוירים, איז זיין פראצעדור יא געלונגען, און ער האלט זיך שוין אינמיטן ערהוילן און צוריק קומען צו זיינע כוחות. און דאן איז מיר געבליבן מיטצוטיילן די ווייטאגליכע נייעס אז מיין קינד האט דאס ליידער נישט אדורכגעלעבט. מיר האבן זיך מחזק געווען און געוואונטשן איינער דעם אנדערן, און דערמיט האבן מיר זיך געזעגנט.

### וויפיל פראצענט שאנסן זענען דא?

ר' משה איז ממשיך: ווען איך האב אוועקשפאצירט פון יענע באגעגעניש, האב איך זיך אפגעשטעלט און גענומען טראכטן צו מיר,

וואס ווייזט מיר דער אייבישטער דא? עס איז ביי מיר קלאר ווי די טאג אז השי"ת וויל מיר עפעס לערנען דערמיט, נישט אומזיסט האט מען מיר געשיקט מודיע זיין פון הימל אז דאס קינד וואס האט געהאט ווייניגער ווי פינעף פראצענט שאנס צו לעבן, איז יא געבליבן לעבן און ערהוילט זיך ב"ה, און דאס קינד וואס האט געהאט פינעף און ניינציג פראצענט שאנסן האט עס ליידער נישט געמאכט...

נאכן אריינקלערן א לענגערע צייט בין איך געקומען צו א פשוט'ע מסקנא. ווען איך בין אריין צו די אפעראציע פון מיין קינד, בין איך צוגעגאנגען דערצו מיט 'פינעף און ניינציג פראצענט שאנסן' און הבטחות מצד דעם דאקטער, און בלויז 'פינעף פראצענט רבונו של עולם'!. מיין עיקר בטחון איז געווען אינעם דאקטער און אין די מעדיצינישע סטאטיסטיקס, און פונעם אייבישטער האב איך כמעט ווי פארגעסן, איך בין דאָך געווען ממש ווי פארזיכערט מיט די גוטע רעזולטאטן. דאגעגן **דער אנדערע יונגערמאן איז אריין צו זיין קינד'ס אפעראציע מיט 'הונדערט פראצענט רבונו של עולם'!!!** ער האט געוואוסט ביי זיך אז על פי דרך הטבע האט ער כמעט נישט קיין אויסזיכטן, וואס קען מען דען ערווארטן פון א זאך וואס האט ווייניגער ווי פינעף פראצענט מעגליכקייט, דעריבער האט ער זיכער אלעס געלייגט אין א זייט, און ער האט זיך אנגעכאפט נאר אינעם אבינו אב הרחמן דער מצמיח ישועות און בורא רפואות אלס זיין איינציגסטע מעגליכקייט, און דאס איז איהם בייגעשטאנען!

האט ר' משה אויסגעפירט, דעמאלטס האב איך זיך מקבל געווען מיט א פעסטע החלטה אז אָן דעם באשעפער ריר איך זיך נישט! נישט דער דאקטער און נישט די סטאטיסטיקס זענען די וואס געבן לעבן, ס'איז נאר דער אייבישטער אליין און מער פון דעם איז גארנישט נוגע. און פון דא שעפ איך מיין חיזוק און מיינע כוחות אין מיין יעצטיגע שווערע נסיון, איך האב יעצט נאך א קינד וואס איז ליידער נישט געזונט, איך זיץ כסדר מיט דאקטוירים, עסקנים, שפיטאל בעאמטע, און וועמען נישט, און איך טו אלע ריכטיגע השתדלות אבער ווען ס'קומט צו עתידות און שפעקולאציעס הער איך זיי אויס בלויז מפני הכבוד, ווייל עס פּאַסט אזוי. איך שאקל מיט די קאפ ווען זיי געבן מיר צו ערקלערן וויפיל שאנסן דאס האט און וויפל שאנסן יענץ האט, אבער ביי מיר אין הארצן אינטערסירט מיר אפילו נישט וואס זיי האבן צו זאגן, עס איז בכלל נישט מעלה ומוריד, נישט קיין טשאַרטס און נישט קיין ביכער, איך ווייס אז איך בין אין גוטע הענט, אין די הענט פון הקב"ה וואס איז דער כל יכול און ער מיינט מיין טובה, און אויסער איהם האב איך גארנישט.

די אמונה-געווייקטע דיבורים פון ר' משה שניידן אריין טיף אין די ביינער, און לערנט אונז גאר אסאך. השי"ת זאל איהם טאקע אויפרעכטן און זיין קינד זאל האבן א רפואה שלימה בקרוב בתוך שאר חולי ישראל, אכי"ר.

**די ציל און תכלית איז דאס נישט וויסן**

דער אמת איז, אז ממש דאס איז די יסוד פון ביישטיין א נסיון. די תכלית פון א איד איז צו נעמען דעם אייבישטער מיט זיך אין יעדן מצב, איבערלאזן אלע חשבונות און מחשבות אין א זייט, נישט קלערן וועגן זיך אדער וועגן יענעם, נישט נעמען אין באטראכט וואס דער זאגט און וואס יענער זאגט, אדער 'מה יאמרו הבריות' וואס וועלן מענטשן טראכטן, נאר וויסן איין זאך, "איך בין אינגאנצן בטל ומבוטל צום אייבישטער, אויב דאס איז דער רצון השי"ת, אויב וויל יעצט דער אייבישטער אז איך זאל אדורכגיין א געוויסע מצב, אדער טוהן א געוויסע זאך, עקזיסטירט נישט גארנישט אנדערש אין מיר, איך האב נאר קודשא בריך הוא אליינס!"

דער **שפת אמת** (שנת תרל"ב) שרייבט אויף די אויבנדערמאנטע ווערטער פון מדרש און רש"י אז השי"ת האט בכוונה נישט דערציילט פאר אברהם אבינו וואו אהין ער דארף גיין, "פשוט כי זה עצמו בחינת ארץ ישראל, **להבטל בכל החושים והרצונות רק לרצון השי"ת,** כמו שאמר לך לך מארצך וגו' דהיינו כל התדבקות חיצוניות, **להשליך הכל עבור לראות רצונו יתברך**"...

דערפאר האט השי"ת נישט אנפלעקט פאר אברהם דעם פלאץ, ווייל דאס איז די עיקר מתנה פון 'ארץ ישראל' וואס השי"ת שענקט איהם דא, דאס עצם זיך מבטל זיין צום אייבישטער. "פשוט" זאגט דער שפת אמת, עס איז קלאר און זעלבסט-פארשטענדליך אז דאס איז געווען די הויכפונקט פונעם נסיון דא, "להבטל בכל החושים והרצונות רק לרצון השי"ת". דעריבער זאגט איהם נישט דער אייבישטער וואו אהין צו גיין, ווייל דאס איז די עבודה פון אברהם אבינו, צו נעמען דעם וואַנדער שטעקן אין די הענט און גיין צו אן אומבאקאנטן ארט אָן קיין שום ידיעה און אָן קיין שום אייגענע השגה, פשוט ווייל דער אייבישטער האט אזוי געהייסן!

קומט אויס אז די 'שכר על כל פסיעה ופסיעה' וואס דער אייבישטער גייט געבן פאר אברהם אבינו, איז נישט בלויז 'נאך עפעס' א זייטיגע קליינגקייט אינעם גרויסן נסיון, נאר דאס איז ממש די עיקר ציל און תכלית פונעם נסיון, צו גיין און גיין און אפילו אנצוקומען צום 'נישט וויסן', מיט דעם ווייל הקב"ה אויספראווון אברהם אבינו אויב וועט ער קענען לאזן אלע זיינע אייגענע רצונות און מחשבות אין די זייט, און פשוט גיין בלינדערהייט נאכן ציווי השי"ת אָן קיין שום אייגענע שכל אדער ידיעה.

פארשטייט זיך אז ווען א איד לעבט מיט אזא סארט אמונה און התבטלות צו השי"ת, ער איז גרייט צו טוהן סיי וואס עס איז דער רצון

השי"ת און זיך פארלאזן אויף איהם, אפילו ווען ער ווייסט גארנישט און ער זעהט נישט די וועג ארויס, דאן האט ער די שליסל צו קענען ביישטיין אלע נסיונות! וויל אין סיי וועלכע מצב ער זאל נאר זיין איז ער מקיים דעם **"להשליך הכל עבור לראות רצונו יתברך"** ער ווארפט אלעס אוועק, און ער וויל נאר זעהן און טוהן וואס עס איז דער רצון השי"ת פון איהם יעצט.

### שטעל דיך פאַר אז דער רבוש"ע קומט דיר בעטן פערזענליך

עס דארף אבער ווערן קלאר געמאכט, אז ווי פארשטענדליך איז דאס גארנישט אזא לייכטע עבודה. איבערהויפט ווי עס ווערט דערמאנט אין פילע **ספרים הקדושים** אז ווען אברהם אבינו איז אריבערגעגאנגען זיינע צען נסיונות, האט מען אוועקגענומען פון איהם אלע זיינע מדריגות און השגות. און אזוי איז ביי יעדער איד בשעת ער גייט אריבער א נסיון, א גרויסע חלק פון די נסיון איז דאס אז מען האט נישט די קלארקייט, מ'האט נישט די 'בהירות' און לעבטיגקייט צו זעהן פאר די אויגן אז דאס איז א נסיון, ס'איז בלויז א דורכגאנג. אדרבה אלעס ווערט ווי 'פאַרנעפלט' ארום דעם מענטש, ער שפירט זיך אינגאנצן פארלוירן און מסופק, ער ווערט יא איבערגענומען פונעם דרך הטבע און פון אלע ארומיגע 'סטאַטיסטיקס' און אפשאצונגען, און דאס מאכט עס אסאך שווערער זיך צו קענען האלטן פעלזן פעסט און זיך אינגאנצן מבטל זיין נאר צו השי"ת און זיין רצון. די 'חרב חדה מונחת על צווארו' פונעם מענטש ברענגט אריין אין איהם א שרעק און א ייאוש, און ער דארף ממש קעמפן ציין און נעגל מיט זיך אליין נישט נאכצולאזן פון די ריכטיגע אמונה און בטחון נאר אינעם אייבישטער אליינס.

א תלמיד וואס איז אמאל אדורכגעגאנגען א שווערע צרה אין זיין לעבן, איז ארייננאנגען צו זיין רבי'ן מו"ר **הגאון הגדול רבי אברהם יוסף ראזענבלום ראש ישיבת שערי יושר זצ"ל** און זיך אויסגערעדט דאס הארץ פאר איהם, פרעגנדיג וויאזוי דארף ער אויפנעמען אזא זאך, און וויאזוי קען ער זיך מחזק זיין אין זיינע שווערע אומשטענדן?

האט איהם הרב ראזענבלום זצ"ל געענטפערט: ווען דער רבוש"ע וואלט געקומען און געקלאפט ביי דיר אויפן טיר, און געבעטן פון דיר און דיין בני בית אז איר זאלט איהם א טובה טוהן כביכול און אדורכגיין דעם פאלגנדן נסיון פאר זיינעטוועגן, וואלסטו דען געהאט א פראבלעם דערמיט? אדער דו וואלסט עס געטוהן מיט א זיכערקייט און א שטארקייט וויל השי"ת בעהט דאס פערזענליך פון דיר, און דו ווייסט אז דאס איז דיין תפקיד און דיין עבודה וואס השי"ת בכבודו ובעצמו וויל יעצט פון דיר?! די זעלבע דארפסטו וויסן יעצט, כאטש דו האסט טאקע נישט געהאט די אפענע התגלות און דער אייבישטער קומט נישט קלאפן אויף דיין טיר, אבער אז השי"ת האט דיר געשיקט דעם מצב איז א סימן אז ער האט דיר צוגעטיילט אט דעם תפקיד און ער שטייט און בעהט פון דיר אז דו זאלסט עס אדורכטראגן און אדורכגיין פאר זיינעטוועגן!

און דאס איז נוגע ביי יעדע סארט צרה אדער עגמת נפש ח"ו וואס באטרעפט א מענטש, צו דאס איז ווען א מענטש מוטשעט זיך מיט געזונט, ער פארלירט די פרנסה, ער האט חלילה נישט קיין נחת, אדער ער מוטשעט זיך מיט פארשידענע ענינים, ה' ישמרנו, דארף א איד וויסן און געדענקען אז דאס איז ממש כאילו דער אייבישטער וואלט פון פריער אנגעקלאפט אויף זיין טיר און געבעטן בפירוש "מיין רצון איז אז דו זאלסט נישט האבן קיין דזשאב במשך די נעקסטע תקופה, שטארק דיך און טראג עס אדורך פאר מיר. געדענק אז איך האב דאס געבעטן פון דיר, איך האב א חשבון דערביי און אלעס וועט זיין לטובה!"... וויל באמת דער דבר השי"ת שרייט ארויס פון יעדע נסיון, דער מענטש דארף נאר זוכה זיין זיך צו שטארקן און עס קענען דערהערן און דערהייבן און לעבן מיט אמונה ובטחון און התבטלות צום רצון השי"ת, וואס ווי געזאגט איז א שווערע עבודה, און איבערהויפט בשעת א נסיון.

### וואו הייבט זיך אָן די עבודה פון אברהם אבינו?

דעריבער ווען חכמינו ז"ל ווילן אונז 'פאָרשטעלן' און געבן א בילד פון תלמידיו של אברהם אבינו, רעדן זיי דייקא פון זיין התבטלות צום רצון השי"ת, זיין נפש שפלה און רוח נמוכה, וויל דאס איז דער יסוד היסודות! דאס איז דער אלף בית פון קענען ביישטיין א נסיון!

אויב מ'וואלט גערעדט פון די גרויסקייט פון אברהם אבינו אז ער איז בייגעשטאנען די עשרה נסיונות ווי דער רמב"ן זאגט, אדער פון זיינע אנדערע גרויסע מידות און מעשים טובים, דאס אלעס וואלט בלויז געווען די 'פּוֹעֵל יוֹצֵא' און א תוצאה פון זיין התבטלות צום אייבישטער. די ערשטע זאך האט אברהם אבינו געלעבט מיט א גענצליכע שפלות און ביטול צום רצון השי"ת, ער קוקט גארנישט אויף זיך, אויף זיינע אייגענע רצונות און שאיפות, נאר ער איז מקיים דעם **"להשליך הכל עבור לראות רצונו יתברך"** ווי דער שפת אמת זאגט. ער פארנעמט בכלל נישט קיין ארט ווען ס'קומט צו טוהן די רצון פונעם אייבישטער.

די פונקט פארקערטע פון דעם איז בלעם הרשע! בלעם איז געווען א נביא, און ער איז אויך זוכה צו הערן דעם דבר השם, אבער ממש מיט א פארקערטע כוונה און ציל. בלעם פרעגט קושיות און שטעלט זיך קעגן, ער זוכט צו פארדרייען דעם רצון ה' און עס בייגן צו זיינע אינטרעסן. ווען בלק מלך מואב שיקט שלוחים צו בלעם אז ער זאל קומען שעלטן די אידן, אפילו השי"ת זאגט איהם אז ער זאל נישט גיין, ווען עס קומען נאך שלוחים וואַרט ער צו זעהן אויב דער אייבישטער וועט כביכול 'טוישן' זיין ציווי און איהם יא לאזן גיין, און אפילו ווען השי"ת לאזט איהם שוין גיין אבער נישט שעלטן, גייט ער און ער וויל יא שעלטן. דאס איז די מהות פון בלעם א רוח גבוהה און א נפש רחבה,

אין שטיק גאוה און התנשאות וואס קען זיך נישט מבטל זיין צום רצון השי"ת, אפילו נאכדעם וואס ער איז זוכה צו הערן די דבר ה' אָפן אין פנים אריין.

דעריבער ווערט בלעם הרשע דערמאנט אין די משנה קעגן אברהם אבינו, אונז צו לערנען די קאנטראסט און די שארפע צווישנשייד צווישן די צוויי מהלכים. אן ערליכע איד א תלמיד פון אברהם אבינו ווייסט אלעמאל אז די ערשטע כלל איז די הכנעה און התבטלות צום אייבישטער, אינגאנצן מבטל צו זיין די אייגענע יֵשות און אייגענע מציאות כלפי די רצון השי"ת, אפילו ווען מ'הערט נישט און מ'זעהט נישט בפירוש, אפילו מ'לעבט אין די אומוויסנדקייט, מ'האט ספיקות און צומישעניש און מ'ווייסט נישט וואס וואו און ווען, דאָך איז מען זיך משפיל און מבטל צום רצון ה' בשלימות.

דאגעגן איינער וואס איז א תלמיד פון בלעם הרשע, דער זעהט אלעמאל נאר זיך אליינס און זיינע אייגענע רצונות. און אפילו ווען דער אייבישטער בעהט פון איהם עפעס, פראבירט ער דאס אויך משנה צו זיין און בייגן לויט די געשמאק פון זיין רוח גבוהה און נפש רחבה.

### זוכן דעם אייבישטער אין יעדן מצב און זעהן די טובה

בדרך רמז קען מען צוליייגן די באדייט פון די דריטע נקודה וואס ווערט דערמאנט דארט אין די משנה "עין טובה". אין צוגאב צו זיין ביטול און הכנעה צו השי"ת, האט אברהם אבינו פארמאגט א 'עין טובה' ער האט אנגעקוקט יעדע זאך מיט א דורכדרינגליכע בליק, מיט פארשטאנד און טיפקייט, און ער האט דארט געזוכט דעם באשעפער. ווי חז"ל זאגן אין **מדרש** אין אונזער פרשה (בר"ר ל"ט א') אמר רבי יצחק משל לאחד שהיה עובר ממקום למקום וראה בירה אחת דולקת אמר תאמר שהבירה זו בלא מנהיג, הציץ עליו בעל הבירה אמר לו אני הוא בעל הבירה... א משל צו א מענטש וואס גייט אונטערוועגנס, און ער באמערקט ווי א ערליכע פאלאץ איז איינגעהילט אין פלאמען, עס ברענט און פלאקערט. ער מאכט זיך שנעל א חשבון ס'קען דאך נישט זיין אז דער פאלאץ האט נישט קיין בעל הבית, איינער האט דאס געמוזט בויען און אריינלייגן אזויפיל כוח און פלאג אהערצושטעלן אזא שיינעם בנין, און ער האט דאס אודאי נישט געמאכט אז ס'זאל גיין לאיבוד אין א פייער. דאס איז א משל אויף אברהם אבינו וועלכער האט זיך מתבונן געווען און פארשטאנען אז די ערליכע און גרויסע וועלט וואס דער בורא עולם האט באשאפן, האט ער נישט געמאכט אז די רשעים זאל עס חרוב מאכן מיט זייערע שלעכטע מעשים, ס'איז זיכער דא עפעס א ציל און תכלית וואס דער 'בעל הבירה' דער בעל הבית פונעם פאלאץ וויל פון אונז. ווען דער אייבישטער האט געזעהן אז אברהם אבינו לעבט מיט א חשבון הנפש, ער אנערקענט אז ס'איז דא עפעס העכערס און ער איז משתוקק צו קענען זיין באשעפער און איהם דינען, דעמאלטס האט זיך השי"ת אנפלעקט צו איהם.

דאס איז די דרך פון אברהם אבינו, צו זעהן אלעס מיט א העכערע אויג, א הייליגע בליק, טרעפן אין יעדן נסיון און שוועריגקייט דעם רצון השי"ת וואס איז באהאלטן און פארוויקלט. ווי אויך טאקע קוקן מיט א 'עין טובה' און גלייבן אז אלעס איז לטובה, אויב דער אייבישטער וויל אזוי מוז זיין אז דאס איז די בעסטע פאר מיר. און דאס דארפן מיר זיך טאקע לערנען פון אברהם אבינו, זיך מרגיל צו זיין און איינגעוואוינען מיט אט די מידה פון עין טובה, פון גוט קוקן און זוכן דעם אייבישטער, און זיך מחזק זיין און גלייבן אז אלעס איז לטובה מיט א פונקטליכע חשבון.

ווייל דאס איז די גאנצע מהות פון א נסיון, 'דאס נישט וויסן'! דער מענטש ווייסט נישט, ער איז פארלוירן און צומישט, דער אייבישטער זאגט איהם נישט בפירוש זיין ציל און זיין תפקיד. אבער דער איד פון זיין זייט דארף עפענען זיינע אויגן צו זוכן דעם אייבישטער, צו זוכן דעם רצון השי"ת, און צו גלייבן אז דאס וויל יעצט דער רבוש"ע פון איהם, און זיך גענצליך מבטל זיין צום געטליכן פלאן, פונקט ווי אברהם אבינו האט געטוהן ביים נסיון פון לך לך און ביי אלע אנדערע נסיונות, כאטש ער האט נישט געוואוסט וואס און וואו, גייט ער נאך מיט א תמימות און א שלימות נאכן אייבישטער, ומצאת את לבבו נאמן לפניך, מיט די גרעסטע מאָס געטריישאפט און התבטלות. און דאס אלעס פאנגט זיך אָן טאקע פון די דריי נקודות: עַיִן טוֹבָה, וְרוּחַ נְמוּכָה, וְנֶפֶשׁ שְׁפָלָה, וואס זענען די יסוד צו קענען ביישטיין די נסיונות. און ווי די תורה לערנט עס אונז מיט'ן אנהייבן ביי לך לך מארצך וגו' אל הארץ אשר אראך, דאס זיין גרייט צו גיין אומוויסנד צו אן אומבאקאנטן ציל, און מקיים זיין **"להשליך הכל עבור לראות רצונו יתברך!"**.

לסיכום געדענק:

- די עיקר עבודה איז צו לעבן מיט גענצליכע התבטלות צום רצון השי"ת, אוועקגעבן די גאנצע אייגענע מציאות נאר פארן רבוש"ע.
- בשעת א נסיון ווערט מען פארלוירן און מ'האט נישט קיין קלארקייט. דער וואס לעבט מיט ביטול צו השי"ת דער קען ביישטיין.
- ביי יעדע צרה און יעדע נסיון, איז כאילו דער רבוש"ע איז אונז אליינס געקומען בעטן אז מיר זאלן דאס אדורכגיין. מיר דארפן נאר זוכן השי"ת אין יעדן מצב.

## א לעבטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com